בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ע"ג

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

דער גרויסער 'פגם' אין נפש – אז מען היט זיך נישט דאס מויל....2
השי"ת נעמט זיך אן אויף כבוד הצדיק....3
זיין בשמחה – אז מען קריגט כאטש נישט אויפ'ן רבי'ן....5
די עצה פון מאכן א געלעכטער....6
אלע ספרי קודש רעדן פון התבודדות....7
הייגט דארפן מיר רעצעפטן פון גרויסע צדיקים....8
די התבודדות פונעם חפץ חיים....9
דער חשבון הנפש פון דעם סוחר....11
מיין פייער'ל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען....13
דער צדיק רעדט צו מיר, 'טוה אזוי און אזוי'....14
די תורה אליין שרייט "עד מתי פתיים תאהבו פתי"....15
אלע מלחמות און כיבושים דורכ'ן כח פון דעם צדיק....17
משיח'ן וועלן אלע פאלגן – אבער מיר דארפן 'שוין' פאלגן....17
אסאך אידן אין גן עדן – דורך ליקוטי תפילות....19
דער דין וחשבון וועט זיין שארפער – אבער עס לוינט זיך נאך אלץ!....21
די רפואה פון זיך אויסוויינען פאר השי"ת....22
'חיים שיש בו'....23

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 73**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$
עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת בהעלותך (א) - שנת תשל"ה

(משוחח סביב התורה 'בהעלותך את הנרות' - בליקוטי מוהר"ן סי' כ"א)
(טייפ מס. 83#)

## דער גרויסער 'פגם' אין נפש - אז מען היט זיך נישט דאס מויל

דער מדרש ברענגט[א] אויפן פסוק אין משלי, 'שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו', זאגט דער מדרש; שומר פיו ולשונו שומר מצרעת נפשו' - היט דיך אפ פון די 'צרעת' נפשו. דער אויבערשטער שיקט היינט נישט אן קיין מצורע, ווייל מען קען דאך נישט טהור ווערן, א מצורע קומט דאך מיט קרבנות, מען מוז דאך האבן (וואס דאס איז נישטא היינט), אבער דער נפש איז יא א מצורע, א מענטש אז ער היט נישט דאס מויל ממש (און ער ווערט נכשל אין) לשון הרע, דאן איז דער נפש יא א מצורע. דעם גוף, דער אויבערשטער וועט נישט אפשיקן א צרעת ווייל ער וועט נישט קענען ווערן ריין.

דער רבי זאגט[ב]: 'אם יזכה שירגיש באמת כאב חטאיו',

אז ער היט נישט אפ די אויגן, ער היט נישט אפ דאס מויל, דאן ווערט שוין א געוואלדיגער פגם בנפשו, ער פילט עס נישט, ווייל מען דארף האבן א זכיה, 'אם יזכה!' מען דארף האבן א זכיה מען זאל באלד פילן. פארוואס האבן זיך צדיקים געהיט? ווייל זיי האבן געפילט, א 'שוטה אינו מרגיש'![ג]

---

[א] מדרש תנחומא פר' מצורע פ"ב: 'שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ' (משלי כא, כג). אַל תִּקְרֵי מִצָּרוֹת, אֶלָּא מִצָּרַעַת נַפְשׁוֹ.

[ב] ליקו"מ סי' קמ"א, וז"ל: אִם יִזְכֶּה שֶׁיַּרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאָיו הַיְנוּ כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ. כִּי כָּל זְמַן שֶׁלִּבּוֹ עָרֵל וְאָטוּם, אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת, רַק כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ, וְיִהְיֶה לוֹ חָלָל בַּלֵּב, וַאֲזַי יַרְגִּישׁ לְבָבוֹ בֶּאֱמֶת גֹּדֶל כְּאֵבוֹ, וְיִצְטַעֵר וְיִתְחָרֵט בֶּאֱמֶת.

[ג] בגמ' שבת יג: 'אין שוטה נפגע'. עיי"ש בפרש"י

אז מיר פילן נישט, דארף מען גלויבן! דארף מען האבן אמונה, גלויבן, גלויבן אז עס איז א געוואלדיגער פגם פאר'ן נפש אז מען היט נישט די 'זיי"ן קני מנורה'[ד].

## השי"ת נעמט זיך אן אויף כבוד הצדיק

אהרן הכהן איז געווען אזוי גרויס, דער אויבערשטער האט אים געזאגט: 'חייך, שלך גדולה משלהם - שאתה מדליק ומטיב את הנרות'[ה]. צום סוף סדרה שטייט: 'ותדבר מרים ואהרן במשה'[ו], און וואס? 'הלא גם בנו דבר' - דער אויבערשטער האט דאך מיט אונז אויך גערעדט!? 'הרק אך במשה דבר ה'?' ער האט מיט אונז אויך גערעדט! א געוואלדיגער לשון. פון אויבן קומט אוים עפעס א לשון אזוי ווי קורח האט געזאגט: 'ומדוע תתנשאו על קהל ה'?' 'הרק אך במשה דבר ה'? הלא גם בנו דבר?' - א געוואלדיגער לשון, נאר וואס דען? זיי האבן געהאט באלד חרטה! 'אל תשת עלינו חטאת אשר נואלנו ואשר חטאנו'[ח] און זי איז מצורעת געווארן, מרים, פאר עונש לשון הרע, ווייל מרים האט דאך דערציילט אהרן'ען, האט מען איר דערלאנגט מער.

א מדרש איז דא[ט], 'גם איש שלומי אשר בטחתי בו אוכל לחמי הגדיל עלי עקב', זאגט דער מדרש, דאס האט משה געזאגט אנטקעגן אהרן'ען, דו האסט אויך גערעדט אויף מיר?! אויף דיר האב איך זיך נישט גערעכט אז דו וועסט אויך רעדן. איז דאך דער פגם א געוואלדיגער פגם, 'הלא גם בנו דיבר'. האט דאך קרח אויך אזוי געזאגט: 'כי כל העדה כולם קדושים ומדוע תתנשאו על קהל ה', נאר וואס דען? זיי האבן געהאט באלד חרטה: 'אל נא תשת עלינו חטאת אשר נואלנו' - מיר האבן זיך באנארישט. אבער קרח

---

[ד] עי' ליקו"מ, סי' כ"א אות ב', וז"ל: לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל, אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לָזֶה, אֶלָּא שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת פִּיו וְחָטְמוֹ וְעֵינָיו וְאָזְנָיו, וְהֵן הֵן מְאִירִין לוֹ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל. הַיְנוּ, שֶׁיִּשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלְּהוֹצִיא שֶׁקֶר מִפִּיו... כִּי הַפֶּה וְהַחֹטֶם וְהָעֵינַיִם וְהָאָזְנַיִם תְּלוּיִים בַּמֹּחַ, וְהֵן מְעוֹרְרִין אֶת הַמֹּחַ שֶׁיִּהְיֶה בִּבְחִינַת קֶדֶם, בִּבְחִינַת פָּנִים... וְהֵן הֵן שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, כִּי פֶּה וּתְרֵין נֻקְבָא חֹטְמָא וּתְרֵין עַיְנִין וּתְרֵין אֻדְנִין הֵם בְּחִינַת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, 'וּמְנַרְתָּא - דָּא רֵישָׁא', הַיְנוּ הַמֹּחַ, וּפְנֵי הַמְּנוֹרָה - הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל.

[ה] רש"י תחילת פר' בהעלותך.

[ו] במדבר י"ב, א'.

[ז] במדבר ט"ז, ג'.

[ח] במדבר י"ב, י"א.

[ט] מדרש רבה כי תצא פי"א.

האט נישט געוואלט האבן קיין חרטה, משה איז געגאנגען צו זיי, און ער (קרח) איז געגאנגען מיט עזות, און ער האט נישט געוואלט האבן קיין חרטה. זעהען מיר פון דאנעט דאס גרויסקייט פון דעם וואס מען איז פוגם בכבוד הצדיק.

דער אויבערשטער נעמט זיך אן אויף כבוד הצדיק[י] - עס איז א געוואלד - כבוד הצדיק איז שייך אפילו ביי אזעלכע גדולים, אהרן ומרים, מרים הנביאה, אהרן - א נביא, געוואלדיג געווען, די בארה של מרים איז געווען אינגאנצן אין זכות פון מרים'ען, (און אין זכות פון) אהרן זענען געווען די ענני הכבוד[יא], א געוואלד, א געוואלד, שושבינא דמטרוניתא[יב], א קלייניקייט וואס הייסט אהרן?! (אבער) האט ער זיך געטשעפעט מיט משה'ן, שטייט: 'ויחר אף ה' בם'[יג].

דער זוהר[יד] זאגט טאקע: 'מצורע - דא סגירו דנהורא עלאה', דער מצורע איז געווען פארשלאסן, אזוי שטייט אין דער תורה מען זאל פארשליסן, זאגט דער זוהר: 'דא סגירו דנהורא עלאה', ער ווערט פארשלאסן פון דער נהורא עלאה.

משה רבינו ער איז געווען דער שפע אלקי - משה, דער רבי זאגט בפירוש דא: 'ומרים, שפגמה בכבוד משה - שהוא בחינת שפע אלקי', משה רבינו ער איז דער 'שפע אלקי', אז זי האט געטשעפעט משה'ן, האט זי געטשעפעט דעם שפע אלקי, אין דעם שפע אלקי האט זי פוגם געווען, און די שפע אלקי איז א נהורא עלאה, און וואס הייסט 'תסגר'? - פארשלאסן פון דער נהורא עלאה, ווייל ביי אזעלכע מענטשן ווי מרים איז עס א געוואלדיגער צער, 'זיבן טאג לאזט מען איר נישט צו צו דער נהורא עלאה', סגירו דנהורא

---

[י] עי' מדרש תנחומא תולדות פי"ב: מִכָּאן אַתָּה לָמֵד, שֶׁחָס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כְּבוֹד אוֹתוֹ צַדִּיק יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ (מצויין בליקו"ה ראשית הגז ה"ה, כ').

[יא] גמ' תענית ט.

[יב] זוה"ק ויצא ק"נ., ובעוד מקומות.

[יג] במדברר י"ב, ט'.

[יד] עי' בליקו"מ שם, אות ו', וזל"ש: וּמִרְיָם, שֶׁפָּגְמָה בִּכְבוֹד מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁפַע אֱלֹקִי, בִּבְחִינַת (שְׁמוֹת ל"ד) "כִּי קָרַן עוֹר פָּנָיו", וּפָגְמָה בִּבְחִינַת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, כִּי הוּא הָיָה עָנָו, שָׁפֵל וְסַבְלָן, וְלֹא חָרָה אַפּוֹ עַל בִּזְיוֹנוֹ, וְזֶה בְּחִינַת חֹטֶם בִּשְׁלֵמוּת; וּכְתִיב בֵּהּ (בְּמִדְבַּר י"ב): "פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ" - זֶה בְּחִינַת פֶּה; וּכְתִיב בֵּהּ (שָׁם): "וּתְמֻנַת ה' יַבִּיט" - זֶה בְּחִינַת עֵינַיִם; וּכְתִיב בֵּהּ (שָׁם): "בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא" - זֶה בְּחִינַת אָזְנַיִן, בְּחִינַת (מִשְׁלֵי י"א): "נֶאֱמַן רוּחַ מְכַסֶּה דָבָר", כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (אִדְרָא רַבָּא קכ"ח) - בִּשְׁבִיל זֶה נִצְטָרְעָה, 'וּמְצֹרָע - דָּא סְגִירוּ דִּנְהוֹרָא עִלָּאָה' (זֹהַר תַּזְרִיעַ מ"ט:), הַיְנוּ אוֹר הַפָּנִים הַנַּ"ל, וּכְתִיב בֵּהּ: "תִּסָּגֵר מִחוּץ לַמַּחֲנֶה שִׁבְעַת יָמִים".

עלאה, פארוואס טאקע אזוי? מידה כנגד מידה, דו האסט דאך פוגם געווען אין דעם, האסט גערעדט אויף אים.

עס איז געזעסן היינט דער יונגערמאן, א וואוילער יונגערמאן, און צערעדט זיך אזוי רח"ל, גערעדט אויפ'ן רבי'נס זאך, גערעדט אויף ר' נתן'ען, גערעדט אויף די ספרים. געוואלד געוואלד, דאס איז נהורא עלאה, שפע אלקי, אזוי ווי דער צדיק איז יסוד העולם, זענען זיינע ספרים דער יסוד פון דער וועלט, און זיינע עצות און זיינע דיבורים, דאס איז דער יסוד פון דער וועלט, דאס איז די 'נהורא עלאה' - און מען רעדט...

## זיין בשמחה - אז מען קריגט כאטש נישט אויפ'ן רבי'ן

דער רבי האט דאך געזאגט אמאל צו רבי נתן און רבי נפתלי: 'אויף מיר וואלט איר געקריגט? - איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים!'[טו]

זיי זענען דאך געווען ערליכע, פרומע, (דעריבער האט דער רבי געזאגט:) וואלט איר דאך געווען משונה'נע מתנגדים[טז].

דאס האט דער רבי געזאגט, צו רבי נתן און רבי נפתלי, 'אויף מיר וואלט איר געקריגט?!' זיי זענען ארוים מחמת התפעלות'קייט פונעם רבי'ן, (אמר להם): 'אויף מיר וואלט איר געקריגט? איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים!' איך מיין - (צו זאגן) ווי אזוי מען דארף זיין געוואלדיג פרייליך, עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר א מענטש, דאס וואס ברוך השם מען קריגט נישט אויפן רבי'ן, מען איז נישט מקיים (אינגאנצן) מען

---

[טו] עי' בחיי מוהר"ן אות נ', בא"ד: וְאָמַר (רביז"ל) אָז לָנוּ שֶׁרָאוּי לָנוּ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מַה שֶּׁנִּצַּלְנוּ בְּרַחֲמָיו מִלִּהְיוֹת מִתְנַגְּדִים עָלָיו. וְאָמַר אָז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים - מִשְּׁנֵי תּוֹעִים, הַיְנוּ מֵהַתּוֹעִים לְגַמְרֵי מֵהַתּוֹרָה שֶׁהֵם הָעַכּוּ"ם וְהָאֶפִּיקוֹרְסִים, וְגַם נִצַּלְנוּ מֵהַתּוֹעִים הַמִּתְנַגְּדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו שֶׁאָבְדוּ מַה שֶּׁאָבְדוּ בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ וּמִסְפָּר. וְאָמַר הֲלֹא אַתֶּם בְּוַדַּאי הֱיִיתֶם מִתְנַגְּדִים גְּדוֹלִים, לוּלֵא חֲסָדָיו וְרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים אֲשֶׁר נִצַּלְנוּ מִפַּח יוֹקְשִׁים מִכַּת הַמִּתְנַגְּדִים אֲשֶׁר אִם הָיִינוּ שׁוֹמְעִין לָהֶם חַס וְשָׁלוֹם הָיָה נֶאֱבַד תִּקְוָתֵנוּ חָלִילָה וְכוּ'. עָנָה וְאָמַר כְּמַתְמִיהַּ וְאָמַר, עָלַי הֱיִיתֶם חוֹלְקִים, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "אוֹף מִיר וָואלְט אִיהר גִיקְרִיגְט?", עכ"ל.

[טז] עי' טעם זקנים קו' ח'

פאלגט נישט דעם רבי'ן, אבער מען רעדט דאך כאטש נישט, מען קריגט דאך נישט אויפ'ן רבי'ן, עס איז דאך א געוואלד, א געוואלד[יז].

אז מיר זעהען פון אנדערע, רבי נתן האט געטייטשט, אז ווען קען מען זעהן 'כל הנגעים'[יח] – 'חוץ מנגעי עצמו', אז איך וויל ארויס פון נגעי עצמו, אז איך וויל נישט דאס טאן.

## די עצה פון מאכן א געלעכטער

נאר איין זאך, דער רבי זאגט אין ספורי מעשיות[יט], ווען די נשמה האט געדארפט אראפ אין דער וועלט איז געקומען דער ס"מ און געטענה'ט, 'אז דער וועט קומען אויף דער וועלט, וואס האב איך שוין צו טאן?!'.

[ר' אברהם (ב"ר נחמן) ברענגט אין 'אנשי מוהר"ן'[כ]: 'ווען מען וואלט אויפן נישט רבי'ן נישט געקריגט, וואלט ער מקרב געווען די גאנצע וועלט צום אויבערשטן'. ווער איז די גאנצע וועלט? די דרי מעלה זענען די גרעסטע, און די דרי מטה זענען די קלענסטע, דאס איז די גאנצע וועלט, איז פאר די דרי מעלה וואלט ער געוויזן: איר ווייסט נאך גארנישט! דערמיט וואלט ער זיי מקרב געווען, און פאר די דרי מטה וואלט ער געוויזן אז דער אויבערשטער וויל זיי אוןווארט אויף זיי, דערמיט וואלט ער זיי מקרב געווען[כא]].

האט מען דעם ס"מ געענטפערט: 'די נשמה מוז אראפגיין – און דו גיב דיר אן עצה'. ער האט זיך אן עצה געגעבן, געבראכט אן אלטיטשקן, אן איינגעבויגענעם, ער האט געלאכט. פלעגן זאגן אונזערע לייט: 'ווער האט געלאכט? צו דער אלטיטשקער האט געלאכט, צו דער ס"מ האט געלאכט, ווער האט געלאכט?' ווייס מען נישט, ס'איז דא

---

[יז] עי' 'עלים לתרופה' בהרבה מקומות, והנה לפניך מ"ש במכתב תכ"ב: וְכָל מַה שֶׁהַמָּרָה שְׁחוֹרָה וְהַיָּגוֹן וַאֲנָחָה רוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר יְכוֹלִים לַהֲפֹךְ כֻּלָּם לְשִׂמְחָה וּלְשָׂשׂוֹן עַל יְדֵי כָל הַנַּ"ל. כִּי אַף עַל פִּי שֶׁאֲנִי מְקַלְקֵל כָּל כָּךְ - אַף עַל פִּי כֵן אֵינִי מִתְנַגֵּד עַל "זֶה כָּל הָאָדָם"! אַחֲרֵי מַחֲלֹקֶת כָּזֶה וְלֵיצָנוּת כָּזֶה וְעִרְבּוּבְיָא כָּזֶה וְכוּ'

[יח] ע"פ משניות נגעים פ"ב, מ"ה: כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ

[יט] מעשה ח' - מרב ובן יחיד

[כ] עי' חיי מוהר"ן אות קט"ו, ואות רכ"ט. ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן סוף אות ט"ז.

[כא] עי' ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ז', אות ז'. ובסי' ס"ח, וזל"ש: עִקַּר שְׁלֵמוּת הַצַּדִּיק – שֶׁיּוּכַל לִהְיוֹת לְמַעְלָה וּלְמַטָּה, שֶׁיִּהְיֶה יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְמִי שֶׁהוּא לְמַעְלָה וְנִדְמֶה בְּדַעְתּוֹ שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה עֶלְיוֹנָה, יִהְיֶה מַרְאֶה לוֹ שֶׁהוּא הַהֵפֶךְ. וְכֵן לְהֵפֶךְ, לְמִי שֶׁהוּא לְמַטָּה מְאֹד בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה, בְּתוֹךְ הָאָרֶץ מַמָּשׁ, יִהְיֶה מַרְאֶה לוֹ שֶׁאַדְּרַבָּא, הוּא סָמוּךְ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

חילוקי דעות אין דעם. פלעגן אבער זאגן אונזערע לייט, אז דאס איז געווען די עצה, אז מען זאל עס אויסלאכן! מאכן א געלעכטער דערפון!

(השואל: ווער האט טאקע געלאכט?) איך וויים? (דער) ווער עס האט געלאכט! איך ווייס נישט! ווייזן ווייזט אוים אז דער אלטיטשקער האט געלאכט. טאקע דער חולק טאקע, ער האט טאקע געמאכט לאכן.

פרעגט מיר א יונגערמאן, פארוואס האבן צדיקים גערעדט אויפן רבי'ן? פארוואס האבן זיי גערעדט?! זאג איך אים: איר ענטפערט, נישט איר פרעגט, איר ענטפערט! איך האב אים געזאגט דארטן פון די ספורי מעשיות, דאס וואס מען האט דא גערעדט האב איך אים געזאגט!

## אלע ספרי קודש רעדן פון התבודדות

זאגט ער מיר, פארוואס אין אנדערע ספרים שטייט נישט אזוי פיל פון דעם ענין פון התבודדות מיט תפילות? אין 'קדושת לוי' שטייט נישט אזוי פיל, נישט אין 'מאור עינים'? זאג איך אים, דארטן שטייט אויך, דארטן שטייט אויך, זיי רעדן אויך אסאך פון התבודדות, און די אלע ספרים קדושים רעדן אלץ פון התבודדות, נאר וואס דען, נישט אזוי פיל וויפיל דער רבי רעדט. איך זעה יא אז אין מאור עיניים שטייט התבודדות[כב] – איר זעהט עס נישט, איך זעה יא, ער רעדט פון התבודדות אין מאור עינים, ער רעדט נישט אזוי פיל וויפיל דער רבי רעדט, דער רבי רעדט די תורה פון התבודדות 'מקטן ועד גדול'[כג],

ווייל די צדיקים האבן געהאלטן אז התבודדות האט א שייכות טאקע נאר פאר גדולים, אבער דער רבי זאגט: 'מקטן ועד גדול', איך האב אים געוויזן אין די תורה פון התבודדות.

(ושאל אותי:) ווי אזוי קען עס טאקע זיין?

---

כב עי' לקמן, ובהערה שם

כג עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' כ"ה: הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל... וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ, הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה, וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל! כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ! וְעַל־יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעֲלָה גְּדוֹלָה. אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה!. גם שם בסי' ק' מובא: סִפְּרוּ לִי שֶׁאָמַר, שֶׁמִּקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי־אִם עַל־יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת!

זאג איך אים: עס קען יא זיין, דאס וואס דער רבי האט אונז געגעבן אן עצה פון התבודדות פאר דעם קלענסטן און פאר דעם גרעסטן - דער גרויסער האט התבודדות, יענער וויל השגות אלקות, א התגלות אלקות, (אבער) ביי אונז איז פשוט, מיר דארפן האבן די רפואה כדי ניצול ווערן פון די גראבע תאוות.

## היינט דארפן מיר רעצעפטן פון גרויסע צדיקים

איצטער איז דא אזא מין סארט התגברות, אזא התגברות היצר, אז מען דארף באקומען אזוי פיל רעצעפטן, וואס מען האט אמאל געגעבן דעם גרעסטן צדיק דארף מען אונז געבן היינט דעם רעצעפט[כד]. נאר וואס דען, מיר דארפן נישט האבן קיין טעות, אז ווייל מען גיט אונז אזעלכע גרויסע רעצעפטן בין איך דאך שוין אויך א גדול... אז מען גיט מיר אזא רעצעפט פון חצות מיט התבודדות בין איך שוין אויך א גדול? ניין! מען גיט דיר דעם רעצעפט ווייל דו ביסט א שטארקער חולה, דו ביסט אזא חולה אז דו מוזט נעמען דעם גרויסן רעצעפט. ער האט דאס גוט פארשטאנען, אז היינט מוז מען האבן די גרויסע רעצעפטן, וואס אמאל האבן געהאט די גרויסע גדולים -

נאר דאס אויפשטיין אליין אין דער צייט (בחצות הלילה) - זאגן עפעס איז עפעס אן אנדער עבודה - נאר דאס אויפשטיין אליין, אויפכאפן זיך און אנטאן זיך (איז שוין געוואלדיג, כדלהלן).

- עס שטייט אין זוהר הק'[כה], די חברייא פון רבי שמעון, זיי זענען געווען אין א שטוב - חצות, און דער בעל הבית, בשעת זיי האבן גערעדט השגות אלקות האט זיך אנגערופן דער בעל הבית, ער איז געלעגן אויפן געלעגער און האט זיך אנגערופן, האט ער זיך אויסגעדרייט דאס פנים און נישט געוואלט אפילו רעדן צו אים, האט ער פארשטאנען. איז ער אראפגעגאנגען און ער האט זיך צוגעגרייט, אה יעצט קענסטו רעדן מיט אונז, 'דו ליגסט אויפן געלעגער און ווילסט רעדן מיט אונז?!' עס שטייט אין זוהר הק'.

דו ליגסט אויפן געלעגער און דו ווילסט רעדן?! אראפ! אראפ פון געלעגער! אראפ!

---

[כד] עי' חיי מוהר"ן שצ"א, מה שמובא שם "מָשָׁל נָאֶה לְעִנְיַן מַה שֶּׁמַּרְבֶּה לְגַלּוֹת כָּל־כָּךְ תּוֹרוֹת נִפְלָאוֹת וּמַעֲשִׂיּוֹת וְשִׂיחוֹת נִפְלָאוֹת וְנוֹרָאוֹת, אַף־עַל־פִּי שֶׁאֵינוֹ נִרְאֶה עֲדַיִן שֶׁיַּעֲשׂוּ פְּעֻלָּתָם בִּשְׁלֵמוּת בְּאַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ כְּמוֹ שֶׁהָיָה רָאוּי לָהֶם וכו'", עיי"ש.

[כה] עי' זוהר נח עב.

מיר זענען אזוי, אז א פראסטער רעצעפט קען נישט אונז העלפן, מען גיט אונז גרויסע רעצעפטן! גרויסע רעצעפטן, דער אויר איז גורם, און טאקע (דאס) אליין, (אז מיר זענען אזעלכע) צעבראכענע מענטשן אז מיר מוזן באקומען גרויסע רעצעפטן, מוז מען זיי נעמען! מוז מען נעמען די גרויסע רפואות.

(אחד הנוכחים: אין ספר 'מאור עינים' איז געדרוקט א סדר היום פון ר' מאטעלען[כו], שרייבט ער דארטן: 'יעדן טאג א שעה התבודדות'! און ער זאל זיין צעבראכן אויף די עבירות וואס ער האט אפגעטוהן, ער זאל זיך מאכן א חשבון הנפש. עוד אחד הנוכחים: אין די צוואה אין איינע פון די קארלינער רבי'ס, ר' אשר דאכט זיך, אין בית אהרן ברענגט ער אויך א סדר היום, איין שעה א וואך[כז]) **א גאנצער טאג אין וואך.**

## די התבודדות פונעם חפץ חיים

ר' אלחנן (ספעקטור, ז"ל) האט מיר דערציילט, אז איינער האט אים דערציילט וואס ער האט אליין געזעהן ביי דעם 'חפץ חיים', ער האט געלערנט ביים חפץ חיים אין ישיבה, האט יענער געזעהן, ער האט עפעס באמערקט ווי דער חפץ חיים, עפעס אינמיטן טאג לויפט ער אריין אין צימער אריין, און זאמט זיך אפ א צייט, און נאך דעם קומט ער אריין צוריק. האט ער געוואלט זעהן פארוואס לויפט ער אלע מאל אוועק, האט ער זיך פאר'גנב'עט דארטן, האט ער געזעהן ווי ער האט אפגעגעבן דין וחשבון אויפ'ן גאנצן טאג, עס האט אים געפעלט פינף מינוט, האט ער געקלאפט אין טיש: ישראל מאיר - גיב דין וחשבון וואו איז די פינף מינוט?! ביז ער האט זיך דערמאנט די פינף מינוט אויך.

האט ער דערציילט: 'ער איז געווען א ברסלב'ער חסיד'... (ער האט געמאכט התבודדות, א שטיק צייט, (און דאן זיך געמאכט) א חשבון אויפ'ן גאנצן טאג!

---

[כו] עי' בספר הנהגות ישרות - הדרכות מרבי מרדכי מטשערנאביל, נדפס בספר ליקוטי תורה, ושם הדרכה ו': תתבודד בכל יום שעה אחת ותחשוב חשבון עם הנפש תבקש מחילה מהבורא ברוך הוא וברוך שמו על כל מה שעשית אפילו בקטנותך וכ"ש בגדלותך ואז תהיה בתשובה כל ימי חייך! והבן. גם עי' בהנהגות ישרות מרבי מנחם נחום מטשארנוביל (שם), בהדרכה ז: ויראה להתבודד א"ע בכל שבוע יום אחד! בתענית ובתפלה ותשובה ובווידוי ולתקן כל הפגמים וידבק מחשבתו בהבורא ית'.

[כז] בספר אזהרות מהרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין (נדפס בספר בית אהרן), אות ג': התבודדות יום א' בשבוע בחדר מיוחד! - בתענית ותשובה ותורה לחלק לכל שבוע... ויבכה בדמעות לפני קונו שיכפר לו על עונו... ואם אפשר שיתבודד עצמו בכל יום! ואף בלא תענית יראה להתבודד לא פחות משעה! ויתודה לפני בוראו ויבקש שיכפר לו!

אז פינף מינוט האט געפעלט האט ער געשריגן: וואו איז אהין געקומען די פינף מינוט? נו, האט ער דאך דעמאלט אויך גערעדט, ער האט נישט גערעדט? (אחד הנוכחים: גערעדט, אבער ער האט נישט גערעדט צום אויבערשטן) איך וויים נישט, אפשר יא.

(ר' משה בינענשטאק: עס זענען דא מעשיות ווי ער האט בפירוש גערעדט צום אויבערשטן, מיט טענות צום אויבערשטער[כח]), (אחד הנוכחים: ס'איז דא ספרים פון זיינע תלמידים, שרייבט זיי דארטן ממש התבודדות[כט]).

איינער דערציילט מיר דא אין 'זכרון משה', איינער האט מיר דערציילט, ער האט געקענט דעם חפץ חיים, ער האט געקענט אסאך מענטשן פון פוילן, ער האט געקענט דעם חפץ חיים, האט ער מיר דערציילט אז דער חפץ חיים איז אהינגעקומען אמאל אין א שטאט אריין, עס איז געווען זייער א גרויסער - - - זענען צוגעלאפן דארטן די בעלי בתים, 'רבי - די אלע שערער זענען מחלל שבת, בעלי מלאכה, פראסטע מענטשן, גייען פון דער ארבעט פרייטיג פאר נאכט און זיי גייען זיך אריין שערן, און זיי שערן זיך אריין אין דער נאכט אריין. האט ער געשיקט רופן די שערער - וואס איז דאס? (האבן זיי געזאגט:) "רבי - דאס איז אונזער פרנסה, א גאנצע וואך האבן מיר נישט וואס צו טאן, נאר דעמאלט ווען זיי קומען פון דער ארבעט, די גאנצע פרנסה אונזערע איז פון שערן פרייטאג צו נאכטס, דעמאלט קומען די אלע בעלי מלאכות; אז מיר זאלן דעמאלטס נישט שערן, האבן מיר נישט קיין פרנסה. ער האט אנגעהויבן צו רעדן, צו רעדן! עס האט גארנישט געהאלפן, ער האט נישט געקענט פועל'ן ביי זיי, איז ער אוועקגעגאנגען, צעבראכן ביי זיך.

(אמר לו החפץ חיים:) צו דעם וואס איז געפארן מיט אים: 'רעד מיט זיי אויך', (האט ער זיי געזאגט:) 'איר ווייסט ווער עס האט מיט אייך גערעדט? דער 'חפץ חיים', געוואלד אזא אידן האט איר גארנישט געענטפערט?!' ער האט גערעדט מיט זיי, האט ער געפועל'ט ביי די שערער, איז ער אוועקגעגאנגען בשמחה רבה זאגנדיג דעם 'חפץ חיים' אז ער האט גע'פועל'ט.

---

כח עי' בספר 'מאיר עיני ישראל' כרך א'. וגם בספר קיצור תולדות 'חפץ חיים'.

כט עי' ספר 'שם עולם' לבעל החפץ חיים זצ"ל, חלק א, פרק יא: "ואין לנו שום עצה כי אם שיקבע האדם בכל יום או על כל פנים בכל שבוע עת לנפשו, להתבודד בחדרו ולהפנות מטרדותיו ולחשוב עצות בנפשו אודות ענייני אחריתו באיזה אופן לתקן את עצמו!"

(אח"כ מצא אותו אדם את החפץ חיים) ער איז געזעצן אויף דער ערד בפישוט ידיים ורגליים, ער האט געוויינט צום רבונו של עולם: "רבוש"ע, אז מיינע רייד ווערן נישט געהערט בין איך דאך נישט קיין ירא שמים; א ירא שמים איז דבריו נשמעין[ל]", אזוי האט מען דערציילט דארטן אין פוילן - אז דער חפץ חיים האט געוויינט אויף דער ערד, האט ער דארטן גע'פועל'ט.

ער האט געהאט א מנהג צו וויינען פארן אויבערשטן.

דער רבי האט אנדערש גערעדט דעם לשון[לא], אבער זיי האבן אסאך געוויינט פאר'ן אויבערשטן, זיי האבן געהאט א חשבון, זיי האבן דאס אפגעהיט.

## דער חשבון הנפש פון דעם סוחר

דער רבי ר' אלימלך מיט'ן רבי'ן ר' זושא האבן געהאט א יינגערן ברודער[לב], ער איז געווען דער סוחר דארטן, דער פאטער איז געווען א גרויסער עושר, האט ער איבערגעלאזט דארטן אסאך זאכן, האט ער געוואוסט אז ר' זושא איז א בטלן, דעריבער האט ער פאר אים געלאזט עפעס קלייניקייטן, ער איז דאך א בטלן, ער טויג צו גארנישט. און דעם רבי'ן ר' אלימלך האט ער געלאזט אנדערע זאכן.

דער ברודער, ער איז געווען א סוחר אים האט ער געלאזט אסאך. האבן זיי תמיד געהאט ערגערנישן אויף דעם ברודער, אז עפעס ער איז אזוי א סוחר, צוויי ברידער צוויי צדיקים און ער איז עפעס אזא סוחר, אמאל האבן זיי געזעהן ווי דער ברודער קומט פארנאכט פארן שלאפן ער נעמט ארויס די חשבונות מאכט א חשבון און וויינט און וויינט, זאגן אים די ברידער: 'האסט געהאט עפעס א שאדן פון געלד היינטיגע טאג אז

---

[ל] עי' גמ' ברכות ו:

[לא] כוונתו, שהלשונות שמשתמש בהם רבינו בענין התבודדות שונה משאר ספרי קודש, כגון; 'מקטן ועד גדול', וענין 'את כל אשר עם לבבו ישיח', 'כדבר איש אל רעהו', וכדו'.

[לב] הרה"ק רבי נתן זצ"ל.

**דו וויינסט אזוי פיל?' זאגט ער: 'ניין, אלע טאג פאר'ן שלאף מאך איך א חשבון פונעם גאנצן טאג און וויין עם אוים פארן אויבערשטן'. זענען זיי שוין געווארן צופרידן[לג].**

**איך מיין נאר צו זאגן, די זאך איז אזוי, דער רבי האט די זאך** (פון התבודדות) **מער גערעדט, און וואו ער רעדט** (וועגן דעם) **אין די תורות פון ליקוטי מוהר"ן** (איז עס) **מער צושפרייט, און מער גערעדט דערפון.**

**א איד פון חב"ד האט מיר געזאגט אז מיר האבן אויך – מיר האבן 'התבוננות'[לד]... אלע צדיקים האבן גערעדט פון רעדן דיבורים צום אויבערשטן.**

**איך האב אים געזאגט, אלע ספרים רעדן פון התבודדות, אלע ספרים! נאר נישט אזוי פיל ווי דער רבי רעדט! דער רבי רעדט מערער** (רמ"ב: דער ספר חרדים ברענגט אויך אראפ[לה]) **יא, אלע, וואו א ספר. דער קדושת לוי[לו], אלע ברענגען זיי, דער 'מאור עינים', עבודת ישראל[לז], אלע.**

---

[לג] מן הנכון לציין אגב אורחא מה שמובא בנוע"א הנהגות האדם, אות א': לכן צריך האדם להתחרט מאוד על עונותיו ולהתבודד עצמו קודם אור היום שאז עת רצון לבכות על גלות השכינה פעמים הרבה עד אין חקר ויבכה בדמעות וגם ביום לפעמים יתבודד ואז יראה בעצמו שעמדו עונותיו נגד עיניו, ויזכור את חטאותיו ועונותיו ופשעיו כהרים וגבעות אשר מעולם לא זכר אותם אם עשה ככה, ככה יעשה לא פעם ולא שתיים ולא מאה פעמים עד אשר ירחמו עליו מן השמים וכו', עי"ש.

[לד] עי' ליקוטי אמרים תניא, אגרת התשובה פרק ז: עיקר הכנעת הלב להיות נשבר ונדכה והעברת רוח הטומאה וסט"א הוא להיות ממארי דחושבנא בעומק הדעת להעמיק דעתו ובינתו שעה אחת בכל יום או לילה לפני תיקון חצות להתבונן במה שפעל ועשה בחטאיו.

[לה] עי' ספר חרדים פרק ע"ג. גם עי' בביאור הלכה סימן תקע"א ד"ה ת"ח: וראיתי להעתיק פה מה שכתב השל"ה בשם 'ספר חרדים', וז"ל: שמצא בתוך ספרי המקובל האלקי חסידא קדישא הרב ר"י לוריא אשכנזי ז"ל בספר אחד כתיבת יד כל מה שתמצא בסיגופים כו' לא נזכרו אלא למי שאין עמלו בתורה אבל מי שתורתו אומנתו ויודע דעת ויראת ד' לא יחלש ולא יתבטל מלימודו אך יום אחד מן השבוע יתרחק מבני אדם ויתבודד בינו לבין קונו ויתקשר מחשבתו בו כאלו כבר עומד לפניו ביום הדין וידבר לאל ית' **כאשר ידבר העבד אל רבו ובן אל אביו!**

[לו] עי' 'ילקוט קדושת לוי', נביאים - שמואל, מה שמבאר שם הענין - למה היצה"ר בהתגלות, והיצ"ט הוא בהסתר? - שאנו רואין כשאדם רוצה להשיג מעט קדושה צריך סגופים והתבודדות להשיג, יעוי"ש תירוצו ע"ד משל. ובפרשת ויחי, ד"ה 'יהודה אתה יודוך אחיך', כתב בזה"ל: ידוע שכל אדם צריך להתחזק בלבו אמונה זאת שבוודאי אין הקדוש ברוך הוא מואס חס ושלום בשום תפילת עמו ישראל - **אף שהקדוש ברוך הוא נקרא הגדול הגבור והנורא לו דומיה תהלה - אף על פי כן יקר בעיניו דיבורים של עמו ישראל אפילו ממי שהוא חס ושלום בדיוטא תחתונה, אף על פי כן מגיע מזה תענוג להבורא יתברך!**

[לז] עי' ספר עבודת ישראל - ליקוטים, ד"ה "ובאת וסגרת הדלת": **היסוד האמיתי לכל העבודה - להתבודד ולחשוב** בשפלותו ולדעת כי הוא בבחינת דלות עד מאוד. ועל ידי הכנעת רוחו ושבירות לבו יוכל לעלות אל ה.'

# מיין פייער'ל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען

דאס קען מען אויך זאגן 'אזוי', דאס וואס זיי ברענגען נישט אזוי פיל ווייל דעמאלט האבן זיי געהאלטן - - - דער רבי האט אונז מודיע געווען א זאך אויף אייביג, 'מיין פייער'ל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען'[לח], ממילא איז דאך נישט שייך, יענע צדיקים האבן געלאזט - - בחייהם, איבערגעלאזט א ספר, אבער איבערלאזן אזא מין אור, דער אור זאל שוין טליען ביז משיח וועט קומען?!

מען זעהט דאך פארט ארויס, דער קדושת לוי, דער רבי האט אים אנגערופן: 'דער פאר הדור'[לט], 'אז ער דערמאנט, 'דער בורא', שפריצט אים פייער פון די אויגן'[מ], א געוואלד, דער רבי האט זייער געהאלטן פונעם קדושת לוי, אבער פונדעסטוועגן, עס איז היינט דען דא באַרדיטשוב'ער חסידים?!

באַרדיטשוב'ער חסידים זענען דען היינט דא, זיי זאלן לערנען קדושת לוי און זיי זאלן גייען מיט דעם? עס איז נישטא. עס איז א הייליג ספר, מען גיט א קוק אריין, אבער חסידים וואס זאלן גיין מיט'ן ספר, זיך ארויסנעמען א הדרכה פונעם ספר, איז נישטא, ביי דעם רבי'ן איז דאך ממש דא מענטשן - נישט וואס מען באנוגנט זיך מיט'ן ספר, דער ספר איז דאך א זאך אזוי ממש אזוי ווי א רבי רעדט מיט מיר! א רבי רעדט מיט מיר! און מען לערנט דעם ספר,

היינט ברוך השם מען האלט אין איין דרוקן און דרוקן, מען דרוקט, מען פארקויפט, מען דרוקט נאך, מען דרוקט נאך! מען האלט דאך אין איין דרוקן, און מען לערנט טאקע

---

[לח] עי' חיי מוהר"ן מ"ו: "קֹדֶם שֶׁגִּלָּה עִנְיַן הַנִּדְפָּס בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא סִימָן ס"ח, דִּבֵּר, שֶׁהָיוּ כַּמָּה גְּדוֹלִים שֶׁכָּל אֶחָד עָשָׂה וְתִקֵּן מַה שֶּׁתִּקֵּן וְאַחַר־כָּךְ נִפְסַק. וְכַוָּנָתוֹ לְעִנְיַן הַהֶאָרָה שֶׁהֵאִירוּ דַּעְתָּם בְּתַלְמִידֵיהֶם וְקֵרְבוּ כַּמָּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲבָל אַחַר־כָּךְ נִפְסַק הֶאָרָתָם, אֲבָל אָנוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁלֹּא יִפְסַק לְעוֹלָם, שֶׁאֵלּוּ אֲנָשִׁים יַעֲשׂוּ אֲנָשִׁים אֲחֵרִים, וְהֵם יַעֲשׂוּ עוֹד אֲנָשִׁים וְכֵן לְעוֹלָם. וּכְבָר נִרְשַׁם בְּמָקוֹם אַחֵר מַה שֶּׁאָמַר שֶׁהָאֵשׁ שֶׁלִּי תּוּקַד לְעוֹלָם לֹא תִכְבֶּה. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "מַיין פַייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלוּעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען!".

[לט] עי' ימי מוהרנ"ת אות ל"ט.

[מ] עי' חיי מוהר"ן תקצ"ט: פַּעַם אַחַת אָמַר לִי בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דָאס וֶוייסְטוּ נִיט, אַז דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רָב זָאגְט 'דֶער בּוֹרֵא' שְׁפְּרִיצְט אִיהם פַייעֶר פוּן דִיא אוֹיגְן". וְדָחַק תֵּבוֹת 'דֶער בּוֹרֵא' וַאֲמָרָם בְּאֵימָה וְיִרְאָה, וְהָיוּ הַדִּבּוּרִים מְרַתְּתִין כְּשֶׁיָּצָא מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ.

דעם ספר, מען זעהט דאך טאקע וואס דא טוט זיך אפ - - - איינער וועט מאכן א מחלוקת אז מען וועט לערנען קדושת לוי?!

דעם רבי'נס זאך איז אזא זאך, דער רבי האט געזעהן ברוח קדשו וואס עס וועט זיך טוהן בעיקבתא דמשיחא[מא], אזא מין חושך וועט זיין, האט ער גערעדט אזוי, מער גערעדט פון דער זאך אז מען וועט זיך נישט דערהאלטן בשום אופן אויב מען וועט נישט רעדן צום אויבערשטן דיבורים, מען וועט זיך בשום אופן נישט דערהאלטן, האט דער רבי מער גערעדט דאס דאזיגע, אז איך לאז דאך איבער א פייער ביז משיח וועט קומען, מוז איך דאך צוגרייטן עפעס עצות דערצו, "מיין פייער'ל וועט טליען ביז משיח וועט קומען"! מיט וואס? האט דאך דער רבי געמוזט רעדן מער די זאך, מער ווי אנדערע האבן גערעדט.

## דער צדיק רעדט צו מיר, 'טוה אזוי און אזוי'

דער אויבערשטער זאל העלפן, מיר רעדן אזוי שיין אין רבי'נס זאך, (אבער דער עיקר איז) נעמען לעובדא! אז מיר ווערן אנגערופן אויף דעם נאמען, קענען מיר זיך נישט פטר'ן דערמיט וואס מיר האלטן פון דער ספר, מען קען זיך דערמיט נישט פטר'ן, דאס הייסט נאך נישט 'מיין פייערל וועט טליען ביז משיח וועט קומען', טאקע נעמען דעם ספר און טאקע בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל מקיים זיין וואס מען לערנט, און האבן עפעס אן עסק מיט'ן ספר!

ווען דער רבי זאל רעדן צו מיר ער זאל מיר זאגן בפה, 'טוה אזוי און אזוי', געוויינטליך וואלט מען דאך (געלאפן און געפאלגט!)

(האמת היא:) 'דער רבי רעדט'! דער ספר רעדט! ער רעדט! און דער רבי רעדט טאקע, מען זעהט דאך מענטשן ווערן נתעורר, מענטשן ווערן מקורב צום אויבערשטן, דער ספר רעדט! ער רעדט! אין ערגעץ איז דאס נישטא![מב]

---

[מא] עי' ספר ויואל משה מאמר ישוב א"י סי' ק"נ - אחרי שמעתיק שם מה שמובא בשי' הר"ן אות ל"ה 'שהולך אפיקורסות גדול בעולם' - מה שמסיים בזה"ל: "וזה ענין של רוח הקודש שראה מה הגיע אלינו בעיקבא דמשיחא".

[מב] עי' פרפראות לחכמה על תורה ס"א, אות י"ד, מ"ש שם בא"ד: "...כאשר הבטיח ז"ל שענינו לא יופסק, והאש שלו תוקד עד ימות המשיח כנ"ל, וכנראה בחוש אשר זה יותר מששים שנה אחר הסתלקותו ז"ל, והאש הקדוש של אמונת חכמים בו ז"ל ובחיבוריו הקדושים ובכל הצדיקי אמת בוער בלב אנ"ש עד אין סוף ממש, ומשתדלים לעסוק בעניניו

אז דער רבי האט אזוי געזאגט: 'מיין פייער'ל וועט טליען ביז משיח וועט קומען', איז דער פשט, אז דעם רבי'נס אור גייט! (דאס) איז נישט נאר דער ספר אליין, ס'איז א כח פון א צדיק וואס האט אזוי פיל איבערגעלאזט, אזוי פיל איינגעפלאצט, אזוי גלייך ווי דער צדיק איצטער רעדט! דער רבי רעדט דאך, ער רעדט דאך![מג]

# די תורה אליין שרייט "עד מתי פתיים תאהבו פתי"

דער רבי זאגט אין דער תורה פון "וביום הביכורים"[מד], עס איז טאקע א שבועות'דיגע תורה, דער רבי רעדט דארט אז יעדער איינער האט א בחינת מלכות, באתגליא ובאתכסיא, באתכסיא א מלכות, די נשמות זענען נכנעים תחתיו, (ולכאורה א"כ) אז ער ווייסט נישט ווער די נשמות זענען, ווי קען ער זיי מזהיר זיין, ווי קען ער זיי געבן תוכחה? דער רבי רעדט דאך דארטן באלד, אז א מענטש איז נישט יוצא די תוכחה, קען זיין חלילה 'הרבנות מקברת את בעליה'[מה], איז עס דאך א סכנה, איז וואס זאל ער טאן, ער

---

ז"ל בכל פעם בהשתדלות יתירה ביותר להפיץ מעיינותיו חוצה להדפיס חיבוריו ז"ל, ולבנות בניניו הקדושים, ולעסוק בכל ענייניו על צד היותר טוב. וכבר יש רבים מאנ"ש אשר כמעט שלא הכירו ולא ידעו ולא ראו גם שום אחד מתלמידיו הקדושים ז"ל, ואף על פי כן בוער בלבם עסקיו ועניניו של רבינו הקדוש ז"ל כאש יוקדת ממש, ושותים בצמא את כל דבריו ודברי תלמידיו הקדושים ז"ל, והם עליהם ממש כמים קרים על נפש עיפה, ועובדים את ה' באמת בכל לבם ובכל נפשם, והכל בכח קדושת ההתנוצצות הארת הדעת הקדוש שנשאר בעולם מרבינו הקדוש ז"ל על ידי חיבוריו ותלמידיו הקדושים!".

[מג] עי' שם בפרפל"ח, על תורה ע"ב תנ', אות ב', מה שמציין: "עיין בהל' תפילין ה"ו אות כ"ז (בענין מבטלין תלמוד תורה לשמוע מקרא מגילה), מובן משם שכשמעיינין היטב לשם שמים בספרים הקדושים של הצדיק האמת, ומתבוננין היטב בנפלאות נוראות השגתו הקדושה, ובנעימות אמיתת דבריו ועצותיו הקדושים והתמימים וכו', על ידי זה ממשיכין התיקונים המבוארים בפנים שזוכין על ידי ראיית פני הצדיק, כי בהספרים הקדושים הנ"ל שם מאיר פניו ושכלו ונשמתו של הצדיק".

[מד] סי' נ"ו - בליקוטי מוהר"ן. וז"ל שם באות א': כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת מַלְכוּת... וּבְחִינוֹת הַמַּלְכוּת הַזֹּאת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד, הִיא בְּאִתְגַּלְיָא וּבְאִתְכַּסְיָא. בְּאִתְגַּלְיָא, הַיְנוּ הַמֶּמְשָׁלָה שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, שֶׁהוּא מוֹשֵׁל עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים בְּאִתְגַּלְיָא, כְּפִי בְּחִינַת הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל. וּבְאִתְכַּסְיָא הוּא, כִּי גַּם יֵשׁ לְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ בְּחִינַת מַלְכוּת בְּאִתְכַּסְיָא. דְּהַיְנוּ שֶׁאַף שֶׁבְּאִתְגַּלְיָא נִרְאֶה שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם מֶמְשָׁלָה עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים, עִם כָּל זֶה בְּאִתְכַּסְיָא וּבְהֶעְלֵם גָּדוֹל, הוּא מוֹשֵׁל עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים. כִּי נִשְׁמָתָם הֵם תַּחְתָּיו, וְנִכְנָעִים תַּחְתָּיו

[מה] שם, באות ג': וְצָרִיךְ לְהַמְשִׁיךְ אֲרִיכוּת יָמִים לְתוֹךְ הַמַּלְכוּת, שֶׁלֹּא תִּהְיֶה בִּבְחִינוֹת (פְּסָחִים פ"ז:): 'הָרַבָּנוּת מְקַבֶּרֶת אֶת בְּעָלֶיהָ'. כִּי כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינַת הַמַּלְכוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ, הוּא בְּחִינַת צוֹפֶה, שֶׁמֻּטָּל עָלָיו לְהַזְהִיר וּלְהוֹכִיחַ אֶת הָאֲנָשִׁים שֶׁהֵם מִשָּׁרְשׁוֹ, שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת מַלְכוּת עֲלֵיהֶם... אַךְ אֵיךְ אֶפְשָׁר לוֹ לְהַזְהִיר וּלְהוֹכִיחַ אוֹתָם, כִּי אֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה שֶּׁצָּרִיךְ לָהֶם, וְגַם אֵינָם אֶצְלוֹ לְהוֹכִיחַ אוֹתָם? וְעַל־כֵּן צְרִיכִין לָזֶה דַּעַת, כְּדֵי לֵידַע אֵיךְ לְהוֹכִיחָם. וְלָבוֹא לַדַּעַת הַזֶּה, הוּא גַּם כֵּן עַל־יְדֵי אֲרִיכַת

וויים דאך נישט ווער?! צדיקים האבן געהאט רוח הקודש האבן זיי געוואוסט ווער די נשמות זענען, מיר ווייסן דאך גארנישט -

זאגט דער רבי, דורך עסק התורה, דורך עסק התורה - זאגט דער רבי דארטן, און די תורה אליין שרייט, 'עד מתי פתיים תאהבו פתי'![מו] און די הערן דארטן, די וואס זענען שייכות צו אים, דערהערן זיי א קול פון דער תורה, עד מתי פתיים תאהבו פתי.

איינער ווערט נתעורר גאר אין אמעריקע, אין קאנאדע, ער דערהערט עפעס, נעמט זיך עס פון דעם דאזיגן וואס ער לערנט אזא מין עסק התורה און די תורה שרייט אויס, דערמיט איז ער יוצא די תוכחה, דאס אויכעט - די תורה וואס דער רבי רעדט דארטן, אזא מין תורה עס זאל גיין אומעטום - איז אויך די תורה פון דעם אמת'ן צדיק, יעדער איינער דארף האבן טאקע א התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק.

ר' נתן זאגט קעגן דער תורה פון י"ד (בליקו"מ), דער רבי רעדט דארט אין דער תורה פון 'תחילה'[מז], וועגן דעם זיווג הנשמות, זאגט רבי נתן[מח] אויך דארטן, ווי איז מען זוכה צו אזא מין תורה? דארף מען האבן א התקשרות צום דעם צדיק, וואס ער האט אזא מין תורה.

---

יָמִים בְּעַצְמוֹ... ובהמשך כותב: נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה, שֶׁעַל יָדָהּ מַמְשִׁיכִין אֲרִיכוּת יָמִים לְתוֹךְ הַמַּלְכוּת, כִּי עַל יָדָהּ מַמְשִׁיכִין הַחִיּוּת לְתוֹךְ הַיָּמִים וְהַמִּדּוֹת כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לְדַעַת כַּנַּ"ל. עַל־יְדֵי־זֶה יְכוֹלִין לְהוֹכִיחַ אֲפִלּוּ אֶת הָרְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בִּבְחִינַת הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה כַּנַּ"ל.

[מו] שם: וְכֵיוָן שֶׁנֶּחֱזָר הַהַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה לְדַעַת, וְנַעֲשָׂה מִמֶּנָּה תּוֹרָה, אֲזַי הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ מוֹכִיחָה אוֹתָם, בִּבְחִינַת: 'אוֹרַיְתָא מַכְרֶזֶת קַמַּיְהוּ עַד מָתַי פְּתָיִים תְּאֵהֲבוּ פֶּתִי' (זֹהַר שְׁמִינִי ל"ו, אַחֲרֵי נ"ח, נָשֹׂא קכ"ו).

[מז] אות ד': וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים פא.): 'מִפְּנֵי מָה תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים אֵין בְּנֵיהֶם תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים? מִפְּנֵי שֶׁלֹּא בֵּרְכוּ בַּתּוֹרָה תְּחִלָּה' – שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם, וּבִפְרָט תַּלְמִיד־חָכָם, לְבָרֵךְ וּלְהָאִיר בְּלִמּוּד תּוֹרָתוֹ בְּשֹׁרֶשׁ הַנְּשָׁמוֹת, הַיְנוּ בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה, כִּי שָׁם שָׁרְשֵׁנוּ.

[מח] ליקו"ה ערלה ה"ה, אות י"ב: וְעַל כֵּן עִקַּר תִּקּוּן שֶׁל כָּל הַצְּרִיכִים תִּקּוּן הוּא עַל יְדֵי הַצַּדִּיק אֱמֶת שֶׁזּוֹכִין עַל יְדֵי עֲבוֹדָתָם לַעֲלוֹת לְשָׁם וּלְהַמְשִׁיךְ מִשָּׁם חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת 'לְבָרֵךְ בַּתּוֹרָה תְּחִלָּה' בְּחִינַת מָרְדְּכַי שֶׁהוּא פּוֹתֵחַ בִּדְבָרִים וְדוֹרְשָׁן, דְּהַיְנוּ שֶׁיְּכוֹלִים לַעֲלוֹת לְשַׁעַר הַחֲמִשִּׁים שֶׁהוּא שֹׁרֶשׁ הַתּוֹרָה פְּתִיחַת וְהַתְחָלַת הַתּוֹרָה וְשָׁם חוֹזְרִים וּמַמְשִׁיכִים הֶאָרַת אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה עַד שֶׁיַּגִּיעַ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה לְכָל הַחוֹטְאִים וְהַגֵּרִים. כִּי יוֹדְעִים עַל יְדֵי זֶה לְהָאִיר אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה בְּשָׁרְשָׁן וּלְהַמְשִׁיךְ מִשָּׁם חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה בְּצֵרוּפִים נִפְלָאִים בְּאֹפֶן שֶׁיּוּכְלוּ לְהוֹלִיךְ וּלְהַדְרִיךְ אֶת כָּל הָרְחוֹקִים מְאֹד בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת כָּרָאוּי לָהֶם וְכַנַּ"ל

## אלע מלחמות און כיבושים דורכ'ן כח פון דעם צדיק

כל זמן מען דרייט זיך ארום, כל זמן דער אויבערשטער העלפט, (דארף מען) גוט אריינעמען דעם רבי'ן, א געוואלדיגער כח איז דא ביים רבי'ן, א בעל כח גדול, וואס אז מען נעמט זיך (צו זיין זאך) איז מען כובש.

עס איז דא איינער וואס ער וויל נישט איינעמען קיין מלחמה, ער וויים אז ער וועט נישט קענען כובש זיין, ער וויל זיך נישט שלאגן, אבער מיט דעם כח פון דעם צדיק קען מען איינעמען, גיין אין די מלחמה אריין און כובש זיין![מט]

דער רבי זאגט טאקע, אין תורה ב'[נ]: וכל מלחמתו שיעשה וכל הכבישות שיכבוש, הכל משם! - אלץ פון תפילה! ס'איז דא איינער (וואס טענה'ט): איך האלט די מלחמה, איך דארף דאך כובש זיין די מלחמה, אבער ער פילט אז ער וועט נישט קענען כובש זיין, וויל ער נישט אנהויבן קיין מלחמה אינגאנצן - ניין! דו קענסט אנהויבן און כובש זיין! אזא בעל כח גדול איז דא!

## משיח'ן וועלן אלע פאלגן - אבער מיר דארפן 'שוין' פאלגן

עס קומט מיט א בעל כח, עס איז אנדערע דיבורים, אז ער האט דארטן שיעורים אין רבי'נס זאך, דארף ער וויסן אז נישט נאר ער לערנט די ספרים אליין, עס איז דא א בעל כח גדול דא, עס איז דא א בעל כח גדול דא, וואס דער בעל כח רעדט.

דער רבי האט אזוי פיל איבערגעלאזט - א השארה, אז נישט נאר פשט אז 'ביז' משיח'ן[נא] (ולא עד בכלל, אלא גם עד בכלל).

---

[מט] עי' ליקו"ה שבת ה"ז, אות ל"ג: וְזֶה עִקַּר מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק שֶׁבְּכָל דּוֹר בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן, וְאֵין כֹּחַ לְרֹב יִשְׂרָאֵל לַעֲמֹד בְּמִלְחַמְתּוֹ כִּי אִם בְּכֹחַ הַצַּדִּיק, כַּנַּ"ל.

[נ] אות א': כִּי עִקַּר כְּלֵי־זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה!... וּמִשָּׁם עִקַּר חִיּוּתוֹ. וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם!

[נא] שייך להשיחה שנדפס בטעם זקנים קו' ב', וז"ל שם: דער רבי האט געזאגט; "פון מיר ביז משיח, וועט נישט זיין קיין שום חילוק, קיין נייעם וועט נישט זיין, נאר איהם וועט מען פאלגן, מיר וויל מען נישט פאלגן"! 'משיח' אז ער וועט זאגן אז א איד דארף האבן 'התבודדות' - וועט מען איהם פאלגן, אז ער וועט זאגן אז די עיקר עבודה פון א איד איז 'חצות', 'ווינטער חצות'! - אז ער וועט זאגן די ווערטער - וועט מען איהם פאלגן! - - און מיר וויל מען נישט פאלגן!.

ביי משיח וועט זיין עפעס אנדערש?! משיח וועט געבן די רפואות פונעם רבי'ן! משיח וועט זאגן א איד דארף אויפשטיין חצות. אים וועט מען פאלגן; משיח וועט זאגן מען דארף פאלגן דעם שולחן ערוך, משיח'ן וועט מען פאלגן. קיין אנדערע עצות איז נישטא. משיח וועט זאגן מען דארף היטן זמן תפילה, זמן קריאת שמע - וועט מען פאלגן, פארוואס זאלן מיר נישט שוין פאלגן? מילא די וועלט וויל נישט פאלגן, אבער מיר דארפן פאלגן.

(רנ"ב: דער רבי ברענגט אין חיי מוהר"ן (רנ"ז): יש לי השגה כזו להשי"ת שהייתי יכול להביא על ידה את משיח וכו'[נב]).

עס ווערט געבראכט,[נג] דער אויבערשטער איז חושב מחשבות שלא ידח ממנו נידח, ער האלט צו דעם קץ, מיר ווייסן דאך נישט, אזעלכע נשמות איז דא וואס ממש זיי דארפן זיין נדחים, און ער איז חושב שלא ידח ממנו נידח. דורך די אריכת הגלות, די נשמה טוט עפעס א מצוה, ראטעוועט זי זיך, איז דערפאר איז די אריכת הגלות, די נשמות זאלן נישט זיין קיין נדחים, א נידח איז דאך אויף אייביג.

דאס איז די גרויסקייט פונעם אמת'ן צדיק, ער קען ברענגען משיח'ן, וועט דאך בלייבן, אזוי פיל נדחים וועלן בלייבן.

(רנ"ב: דער רבי האט דאך געזאגט[נד], משיח וועט פארריכטן, וועט ער פארריכטן אלע) ער וועט פארריכטן, דאס איז שוין נישט ווי דער מענטש פארריכט זיך אליין (מיט זיין בחירה), משיח

---

עי' בחיי מוהר"ן רס"ו; אָמַר (רביז"ל): כָּל מַה שֶׁמָּשִׁיחַ יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת, רַק שֶׁהַחִלּוּק הִיא שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם אֲבָל אֲנִי (וּפָסַק וְלֹא דִּבֵּר יוֹתֵר). נֻסָּח אַחֵר אֲבָל אֲנִי אֵינִי יָכוֹל לִגְמֹר עֲדַיִן. יֵשׁ נֻסְחָא כָּזוֹ, אֶצְלִי עֲדַיִן יֵשׁ בְּחִירָה, אֲבָל אֵצֶל מָשִׁיחַ כְּבָר לֹא יִהְיֶה בְּחִירָה כְּלָל.

[נב] וז"ל שם: שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר יֵשׁ לִי הַשָּׂגָה כָּזוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיִיתִי יָכוֹל לְהָבִיא עַל יָדָהּ אֶת מָשִׁיחַ, אֲבָל סִלַּקְתִּי הַכֹּל וְלָקַחְתִּי עַצְמִי אֶצְלְכֶם לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב, כִּי זֶה גָּדוֹל מִן הַכֹּל! עי"ש וכו'.

[נג] עי' ליקו"ה מנחה ה"ז, אות י"ט, מ"ש שם: מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדּוֹר דּוֹר - מִדּוֹרוֹ שֶׁל מֹשֶׁה עַד דּוֹרוֹ וְכוּ'. כִּי אִי אֶפְשָׁר לִמְחוֹת זֵכֶר עֲמָלֵק בְּפַעַם אֶחָד, כִּי סְעָרָה בִּזְרוֹעַ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא וְכוּ' . כִּי צְרִיכִין לָחוּס גַּם עַל הַנִּיצוֹצוֹת הַנֶּעֱלָמִים בּוֹ בִּבְחִינַת כִּי צַיִד בְּפִיו וְכוּ'... וַאֲפִלּוּ הַנְּשָׁמוֹת שֶׁשָּׁרְשָׁם מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל הַכְּבוּשִׁים אֶצְלוֹ לֹא יִמְחֶה אוֹתָם בְּשׁוּם אֹפֶן. עַל-כֵּן אֵינוֹ מוֹחֶה זִכְרוֹ בְּפַעַם אֶחָד רַק מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדּוֹר דּוֹר, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה יֵשׁ בְּחִירָה לְכָל אֶחָד, וְעַל-יְדֵי זֶה דַּיְקָא יִתְבָּרְרוּ וְיֵצְאוּ הַנְּשָׁמוֹת הַכְּבוּשִׁים אֶצְלוֹ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל וְאָז יִמָּחֶה שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ לְגַמְרֵי מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם וְכוּ', עי"ש:

[נד] מובא באבניה ברזל, אות ד', וז"ל שם: רַבֵּנוּ זַ"ל אָמַר אַ יוּד בֶּעדַארְף בֶּעטִין עֶר זָאל הָאבֶּען אַ סַאךְ קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי וֶועלִין זַיין, וָוארִין אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן וֶועט פַאֶרעכְטֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶועט זַיין אַ תִּקּוּן צוּ אַלֶע דוֹרוֹת עַד אָדָם הָרִאשׁוֹן!.

וועט פארריכטן, אבער אז מען פארריכט זיך אליין איז עס גאר עפעס אנדערש [נה] (רמ"ב: משיח וועט זיין אן א בחירה!) יא, עס וועט אלץ זיין אן א בחירה.

## אסאך אידן אין גן עדן - דורך ליקוטי תפילות

(חוזר לדבר סביב התורה 'בהעלותך את הנרות' הנ"ל)

די ידיעה אליין וואס דער רבי רעדט אין דער תורה, און אין אנדערע תורות, אז דער מענטש זאל האבן די ידיעה ביי זיך, ער זאל וויסן אז דער עיקר איז אפצוהיטן דעם געדאנק, אפצוהיטן דעם מח, דער רבי רעדט דא פון די זיי"ן נרות - די ידיעה אליין אז מען זאל וויסן אז מען דארף זיך פארלייגן דערויף - דאס איז דער עיקר מח, דער עיקר מענטש איז דאס, די ידיעה אליין איז א געוואלדיגע זאך, דארף מען זעהן עצות נאר מקיים צו זיין די ידיעה.

די וועלט איז ברוגז פארוואס ר' נתן האט געמאכט תפילות, 'קיינער האט נישט געמאכט קיין תפילות'! רבי נתן האט געמאכט תפילות!

דאס איז אויך קשיות מיט תירוצים, אז דער רבי האט דאך מודיע געווען א זאך מען זאל מאכן פון תורות תפילות, דאס איז אויך א נייע זאך, "דו לערנסט עפעס א זאך זאלסטו באלד אויף דעם בעטן דו זאלסט מקיים זיין דער זאך"! אויף דעם סמך האט ר' נתן געמאכט די תפילות[נו].

דאס איז דאך אויך א נייע זאך טאקע, רבי נתן האט א זאג געגעבן אז ער האט שוין אסאך אידן אין גן עדן דורך זיינע תפילות! - אזוי האט רבי נתן געזאגט.

---

[נה] עי' לקו"ע ערך התחזקות אות ל"ז; והוא מעלה גדולה כשיש עדיין יצה"ר לאדם וכו', עיי"ש.

[נו] עי' מ"ש מוהרנ"ת זצ"ל בההקדמה של הספה"ק ליקוטי תפילות: עַל פִּי הַדֶּרֶךְ 'לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת' (עי' בשי' הר"ן קמ"ה מ"ש שם: אָמַר שֶׁכְּשֶׁעוֹשִׂין מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת נַעֲשִׂים מִזֶּה שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים לְמַעְלָה שֶׁלֹּא עָלוּ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים כָּאֵלֶּה מִימוֹת עוֹלָם!), עַל יְדֵי זֶה בְּקַל יוּכַל לְפָרֵשׁ כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל. אַךְ גַּם עַל זֶה יֵשׁ מְנִיעוֹת וּכְבֵדוּת הַרְבֵּה, כִּי לַאו כָּל אָדָם בָּקִי כָּל כָּךְ בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַד שֶׁיּוּכַל לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָר מְנִיעוֹת רַבּוֹת. עַל כֵּן שַׂמְתִּי אֶל לִבִּי לְהַעְתִּיק מֵהַתְּפִלּוֹת שֶׁרָשַׁמְתִּי לְעַצְמִי כַּאֲשֶׁר פָּקַד עָלַי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לִכְתּוֹב לְעַצְמוֹ הַתְּפִלּוֹת כְּשֶׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה תְּפִלָּה סְדוּרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְאָמְרָהּ גַּם בְּפַעַם אַחֵר, וְכֵן עָשִׂיתִי.

**"איך האב שוין אסאך יודן אין גן עדן דורך מיינע תפילות!"[נז]**

**'ועם נברא יהלל ק"ה - דורך מיינע תפילות!' - האט רבי נתן געזאגט [נח].**

האט איינער געפרעגט רבי נתן'ען, 'רבי נתן, עס איז אמת וואס מען זאגט אויף אייך אז איר האט געזאגט אז מען וועט אפגעבן דין וחשבון אז מען זאגט נישט קיין תפילות?' (לקוטי תפילות).

האט ר' נתן געזאגט: **'איך האב יא געזאגט,** (און) **איך האב נישט געזאגט – איך האב געזאגט אזוי: 'מען וועט אפגעבן דין וחשבון אויף וואס מען וועט יעדן איינעם פרעגן, אויף דער עוולה, אויף דער עוולה, וועט ער שוין אליין זעהן, ווען ער זאל ווען זאגן תפילות וואלט ער די עוולה נישט געהאט אין זיך!".**

הכלל - מען וועט אים פרעגן, 'פארוואס האסטו געהאט אין זיך די עוולה?! מען וועט אים נישט פרעגן 'פארוואס האסטו נישט געזאגט קיין תפילות, ער וועט שוין אליין זעהן ביי זיך: ווען איך וואלט געווען זיין א נזהר אין תפילה, וואלט איך די עוולה נישט געהאט אין זיך!.[נט]

הייסט עס, אז מען וועט אים פרעגן (אויף די תפילות!), אז מען וועט נישט פרעגן אזוי - האט ר' נתן אזוי אויסגעטייטשט.

(ר' נחמן בורשטיין: אין אבניה ברזל[ס] שטייט בכלליות, מען האט געפרעגט ר' נתן'ען, צו עס איז ריכטיג אז ער זאגט, אז מען וועט געבן גיהנם אויף דעם וואס ער איז נישט געווען קיין ברסלב'ער חסיד. האט ר' נתן

---

[נז] עי' כוכ"א, ערך אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת זצ"ל, אות כ"ה: גַּם שָׁמַעְתִּי מֵהַוָּתִיק ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר מוֹהֲרַנַ"ת (בִּלְשׁוֹן תְּמַהּ) הֵם הַמִּתְנַגְּדִים שׁוֹאֲלִים אִם יֵשׁ בְּהַתְּפִלּוֹת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וּבֶאֱמֶת הֵם גְּבוֹהִים מֵרוּחַ הַקֹּדֶשׁ כִּי הֵם נִמְשָׁכִים מִשַּׁעַר הַחֲמִשִּׁים. (וְעַיֵּן בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת רֹאשׁ חֹדֶשׁ הֲלָכָה ו' שָׁם מוּבָן זֶה כִּי הַדֶּרֶךְ לַעֲשׂוֹת מִתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת נִמְשָׁךְ מִשַּׁעַר הַנּוּ"ן)

**גַּם שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר כִּי הַרְבֵּה אֲנָשִׁים זָכוּ כְּבָר לְגַן עֵדֶן עַל־יְדֵי הַתְּפִלּוֹת שֶׁלּוֹ!**

[נח] שם, אות כ"ד: אָמַר שֶׁעַכְשָׁו שֶׁיָּצְאוּ הַתְּפִלּוֹת שֶׁלּוֹ בָּעוֹלָם, עֲתִידִין לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן כְּשֶׁהוֹלֵךְ יוֹם אֶחָד שֶׁאֵין אוֹמְרִים אוֹתָם...

אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר עַל הַתְּפִלּוֹת שֶׁלּוֹ לְשׁוֹן הַכָּתוּב (תְּהִלִּים ק"ב): "תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל קָהּ", עָתִיד לְהִבָּרְאוֹת עַם שֶׁיְּהַלְלוּ יָהּ בְּאֵלּוּ הַתְּפִלּוֹת.

[נט] עי' בס' 'ירת האיתנים' - להרה"ג מטשערין, מ"ש ע"פ תורה ט' על מאמר חז"ל: יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין - מדין תפילה

[ס] ערך 'שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת', אות נ"א: פַּעַם אַחַת אָמַר אֶחָד לְמוֹהֲרַנַ"ת אוֹמְרִים עֲלֵיכֶם שֶׁאַתֶּם אוֹמְרִים מֶ'וֶועט שְׁמַיְיסִין עַל שֶׁלֹּא הָיָה בְּרֶסְלֶבֶר חָסִיד. וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֵינִי אוֹמֵר כֵּן, אֶלָּא שֶׁיִּלְקוּ עַל הַפְּגָמִים, אִם תִּרְאֶה פְּגָמֶיךָ הַגְּדוֹלִים, וְתָבִין, אִם הָיִיתָ בְּרֶסְלֶבֶר חָסִיד לֹא הָיָה לְךָ הַפְּגָמִים הָאֵלֶּה!

געענטפערט דאס וואס איר זאגט, ער וועט זעהן אז ווען ער וואלט געווען א ברסלב׳ער חסיד וואלט ער נישט געטוהן די עוולה, יענע עוולה).

## דער דין וחשבון וועט זיין שארפער - אבער עס לוינט זיך נאך אלץ!

א ברסלב׳ער חסיד קען זיין מען וועט אים יא פרעגן, ׳אים׳ וועט מען יא פרעגן, מען וועט אים פרעגן אויף אן עוולה, וועט ער ענטפערן: ׳וואס זאל איך טאן?!׳... ׳האסטו געפאלגט דיין רבי׳ן? האסט דאך געהאט א רבי׳ן, ער האט דאך געהייסן רעדן צום אויבערשטן, האסטו געפאלגט דיין רבי׳ן?! אנדערע האבן נישט געהאט, אבער דו האסט דאך געהאט א רבי׳ן!״.

אזוי פלעגן אונזערע לייט זאגן. קומט אויס אז דער דין וחשבון וועט זיין נאך שארפער, ׳דו האסט דאך געהאט א רבי׳ן!׳ פלעגן זיי אויסלאזן, ׳כאטש עס וועט זיין שארפער, איז פארט בעסער אז מען איז א ברסלב׳ער חסיד!׳ קומט דאך אויס אז עס וועט זיין שארפער דער דין וחשבון, און עס איז פארט בעסער!

(רמ״ב: אויף די צדיקים שטייט, ׳הקדוש ברוך הוא מדקדק עם סביביו כחוט השערה׳[סא]) יא יא, און עס איז פארט בעסער אז ער איז [א צדיק].

אוודאי אוודאי, מיר דארפן נישט זיך לאזן נארן, מיר האבן אזעלכע הייליגע עצות, מיר קענען זיין אנדערע מענטשן. דער רבי זאגט, אן איש כשר, דאכט זיך אז ער דרייט זיך מיט די (זעלבע) קישקעס, (אבער) עס איז אן ענין אחר לגמרי![סב] דעם רבי׳נס ספר איז נישט געגעבן געווארן א ספר צו זיך פארקוקן אין א ספר, שוין געקוקט, דאס איז נישט אזא ספר, (נאר) בעט שוין דעם אויבערשטן מקיים צו זיין וואס דו האסט געלערנט! בעט דעם אויבערשטן, מאך פון דער תורה א תפילה! און חוץ דעם דאזיגן - די כוחות פונעם רבי׳ן אליין איז דא דא!

---

[סא] גמ׳ בב״ק נא., ועוד

[סב] עי׳ שי׳ הר״ן י״ד: אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר שֶׁקּוֹרִין ״עֶרְלִיכֶר יְהוּדִי״, כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דַּקִּין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי אִישׁ כָּשֵׁר יָקָר מְאֹד אַשְׁרֵי לוֹ.

# די רפואה פון זיך אויסוויינען פאר השי"ת

(חסר, וכנראה מדבר מר' חיים קצב, המכונה 'חיים שיש בו'[סג]).

ממש אזוי ווי איינער גייט ארויס פון א מרחץ, אויסגעוואשן דאס פנים מיט טרערן. אין זוהר אחרי (דף עה:) שטייט, רבי יוסי מיט רבי אבא זענען געגאנגען און זיי האבן געזעהן איינעם, האט זיך אנגערופן רבי אבא: עס איז דא א פלעק אויף זיין פנים (פון אן עבירה וואס ער האט געטאן), זאג גלייך! האט ער אים מודה געווען (לרבי אבא) און געזאגט, איך בין ניצול געווארן דורך איינעם א רופא, רבי שמלאי הייסט ער, א תנא רבי שמלאי, ער האט א רופא וואס הייסט רבי שמלאי, 'אסייא', א רופא, און ער האט אים געגעבן א רפואה ער זאל אלע טאג וויינען פאר'ן אויבערשטן, און ער זאל מיט די טרערן אויסוואשן (דעם פנים) ביז דער פלעק וועט אראפגיין.

האט זיך אנגערופן רבי אבא צו אים: "אויב עס איז נישט פארמיטן פון דיר תשובה, דאן זאג דריי מאל דעם פסוק: (ישעי' ו, ז') 'וסר עונך וחטאתך תכופר'", ער האט געזאגט דריי מאל, איז דער פלעק אראפ.

שפעטער, עס איז אוועקגעגאנגען א צייט, רבי אבא איז געקומען אין עפעס אן ארט, האט ער געזעהן איינעם וואס האט גערעדט, השגות אלקות האט ער גערעדט, און בשעת ער האט גערעדט האט ער שוין דערמאנט דער זאך אויך, אז פון יעדן פגם ווערט א רושם, און נאכדעם דארף מען עס אויסוואשן מיט טרערן, האט אים רבי אבא געפרעגט (מנין לך דבר זה?) האט ער אים דערציילט, אז עס איז געווען א חכם וואס ער האט אים געגעבן די רפואה, ער האט אים אלעם דערציילט, דעמאלט האט זיך רבי אבא מחיה געווען, א גדול שבגדולים איז ער געווארן, אזעלכע השגות אלקות מיט פלפולא דאורייתא, רבי אבא האט זיך מחיה געווען וואס ער האט זיך אזוי געזעהן מיט אים, ער האט געמאכט דארטן א סעודה, א גאנצע מעשה דארט.

---

[סג] ר' חיים קצב מקיבליטש. בתחילה היה בעל עבירה גדול והיה ידוע כגרוע מכל בני העיר. פע"א שכרו אותו המתנגדים עבור בצע כסף לרצוח את ר' פנחס מקיבליטש בגלל שקירב לדעת רז"ל רבים מבני הנעורים בעיר. אולם כשבא לבצע את זממו שמע כמה דיבורים מפי ר' פנחס והפך ע"י זה לבעל תשובה גמור וחי כל ימיו בתשובה. ספר הליקוטי תפילות שלו היה תמיד רטוב מדמעות ועסק כל ימיו בתורה, תפילה וצדקה. נפטר זקן ושבע ימים בשנת תרפ"א-תרפ"ב (גידולי הנחל).

זעהען מיר די אמת'ע רפואה פון די אמת'ע רופאים, רבי שמלאי, א גוטע רפואה, זיך אויסוויינען פארן אויבערשטן און אויסוואשן מיט טרערן.

## 'חיים שיש בו'

(רמ"ב: ער איז שוין געווען מסתמא א זקן דער ר' חיים - דער קצב) **יא, א זקן.**

אים האט מען נישט גע'הרג'ט (כלומר, בעת הפאגראמען של ה'באנדעס' בשנות תר"פ-א) ער איז נפטר געווארן אין הייסין אין 'אלט-הויז' (מושב זקנים), ווען איך האב אים געזעהן, ווען איך האב אנגעקוקט זיין פנים (איז עס געווען) אזוי ווי מען גייט ארויס פון א מרחץ. (רמ"ב: ער איז געווען א געזונטער) - א געזונטער איד, א לאנגע שיינע בארד, דאס איז דער חיים וואס ער האט געוואלט שלאגן ר' פנחס'ן, דאס איז דער חיים וואס מען האט אים גערופן 'חיים שיש בו'[סד], און דער חיים זאל זיין אזא איד, ממש א (צדיק). איך גלויב אז דארטן איז ער זייער חשוב למעלה, אויסגעוואשן דעם פנים מיט טרערן, און גיסן ביי שמונה עשרה טרערן.

משה טשענסטכאווער האט מיר דערציילט, אז ער (חיים הנ"ל) איז געווען א מכנים אורח, (רמ"ב: אין קיבליטש?) יא, ער איז געווען א מכנים אורח, ער איז געווען (א פארמעגליכער), אין מיינע צייטן איז ער נאך געווען א קצב, איך פלעג קויפן ביי אים פלייש אויף שבת, דער זון אויך, אבער ער איז נאך געווען אליין, ער האט געהאט קינדער אויך. איז משה טשענסטכאווער (אמאל) געווען זיין אורח, ער האט געגעבן גוט עסן און געלט, און ביינאכט - האט משה דערציילט - ווי ער איז אויפגעשטאנען ביינאכט און האט געזאגט תפילות (לקוטי תפילות) - טייכן טרערן האט ער אויסגעגאסן ביי די תפילות, טאקע אויסגעוואשן דאס פנים מיט טרערן!

איז צוגעגאנגען משה, ער האט גארנישט געקענט ליינען די תפילה, עס איז געווען פארגאסן דער לקוטי תפילות מיט טרערן. וואס דער רבי קען מאכן פון א מענטש, אזא מין 'פרא אדם', דער שלעגער פון דער שטאט, מיט א שנעל (שנעדל) האט ער יענעם געלאזט בלוט, ער איז געווען א גיבור – וואס דער רבי האט געמאכט פון אים!

---

[סד] קודם שחזר בתשובה אז לרוב גברתו כנוהו התושבים בשם "חיים שיש בו", כי היה גבור חיל ממש, וכלם פחדו ממנו, כי בהכאת יד אחת יכול היה להרג אדם, (שיש"ק).

**אויסגעוואשן דעם פנים מיט טרערן, תמיד ארומגעגאנגען מיט א פארוויינט פנים פול מיט טרערן, ער איז געווען א פרייליכער, זיין פנים איז געווען אזוי ווי מען וויינט זיך אויס, מען האט געזעהן ביי דעם אידן אז ער איז תמיד געווען פוהל מיט טרערן און וואשט זיך אויס דאס פנים. עס איז א גוטע זייף, אז מען איז זוכה אויסוואשן דעם פנים מיט טרערן, אוי אוי, אוי אוי...**

**מען זאגט דארטן: אל דמעתי אל תחרש, אויף טרערן שטייט[סה] 'אל תחרש'! דאס טארסטו נישט שווייגן! אויף טרערן שווייגט נישט דער אויבערשטער, שמעה תפילתי ה', ושועתי האזינה, אל דמעתי אל תחרש![סו] דא שטייט שמעה תפילתי ה', בעט ער דעם אויבערשטן 'אל דמעתי אל תחרש' - דאס זאלסטו נישט שווייגן, ווייל ביי טרערן קען מען זאגן דעם אויבערשטן דאס זאלסטו נישט שווייגן! אויף טרערן שווייגט נישט דער אויבערשטער!**

**מען דארף טאקע האבן א זכיה, דער אויבערשטער העלפט אז מען לאזט טרערן, איז עס א באזונדערע מתנה פונעם אויבערשטן. דער רבי זאגט נאר, מען זאל נישט האבן קיין מחשבה זרה[סז] אז מען וויל האבן טרערן, אבער אז דער אויבערשטער העלפט אז מען לאזט טרערן איז עס א** (געוואלדיגע זאך)

**איך האב געזעהן ביי אים, איך פלעג אים מקנא זיין,** (איך האב געזעהן ביי) **א שמונה עשרה פון ערב שבת ווי ער גיסט אויס מיט טרערן די שמונה עשרה, אויסוואשן א שמונה עשרה מיט טרערן,**

(רנ"ב: ר' מאטל פלעגט זיצן ביי ספורי מעשיות?) - **יא, מאטל קאנעלסקי, נחמן'ס טאטע, ער איז געווען א פראסטער** - (פשוט'ער)**, ווען ער פלעגט לערנען ספורי מעשיות האט ער געגאסן מיט טרערן.**

---

[סה] עי' זוה"ק חיי שרה קל"ב.: **שִׁמְעָה תְפִלָּתִי ה' - דָּא צְלוֹתָא דִי בְלַחַשׁ... אֶל דִּמְעָתִי אַל תֶּחֱרַשׁ - דָּא אָעִיל קַמֵּי מַלְכָּא, וְלֵית תַּרְעָא דְּקָאִים קַמֵּיהּ וּלְעוֹלָם לָא אַהֲדָרוּ דִּמְעִין בְּרֵיקַנְיָא!**

[סו] תהלים ל"ט, י"ג

[סז] בליקוטי מוהר"ן תניינא צ"ה: לְעִנְיַן הִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וַאֲמִירַת תְּהִלִּים וּתְחִינוֹת וּבַקָּשׁוֹת, טוֹב מְאֹד כְּשֶׁזּוֹכִין לְאָמְרָם בְּלֵב שָׁלֵם בֶּאֱמֶת, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִבְכּוֹת לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּבֵן הַבּוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו. אֲבָל אָמַר, שֶׁכְּשֶׁהָאָדָם אוֹמֵר תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְחוֹשֵׁב בְּלִבּוֹ וּמְצַפֶּה שֶׁיִּבְכֶּה, זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה אֵינָהּ טוֹבָה, וְהִיא מְבַלְבֶּלֶת גַּם־כֵּן אֶת דַּעְתּוֹ... כִּי זֶה שֶׁחוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה שֶׁיִּבְכֶּה, הוּא גַּם־כֵּן בְּחִינַת מַחֲשָׁבָה זָרָה שֶׁמְּבַלְבֶּלֶת הַכַּוָּנָה... וְאִם יִזְכֶּה לִבְכִיָּה בֶּאֱמֶת – מַה טּוֹב, וְאִם לָאו – לָאו, וְלֹא יְבַלְבֵּל אֲמִירָתוֹ בִּשְׁבִיל זֶה כַּנַּ"ל.

(רמ"ב: ער האט געקענט עפעס לערנען דער חיים קצב?) ער האט געקענט לערנען א שטיקל חומש מיט רש"י, אביסל שלחן ערוך, דעם רבי'נס ספר, ער איז געווען שוין אביסל אויסגעאיידלט.

* * *

[המשך השיחה בקונטרס הבא בעז"ה]

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יצחק זאב שווארץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **משה מדרכי בלום** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **מנחם קויפמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יואל ברי"ש מענדלאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בנו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה